NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13110

Y. L. PERETS FAR YINGERE

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

י. ל. פּרץ פֿאַר ייִנגערע

העפט 1

י. ל. פּרץ אין ווילניוס אין יאָר 1912 צוזאַמען מיט די דיכטער
דוד איינהאָרן און דוד בערגעלסאָן

אַרויסגעגעבן צום 25סטן יאָרצײַט פֿונעם דיכטער

פֿאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך"
ווילניוס ° ° ° ° ° 1940

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,

צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

י. ל. פּרץ פאַר ייִנגערע

העפט 1

אַרויסגעגעבן צום 25סטן יאָרצײַט פונעם דיכטער

פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך"

ווילניוס ○ ○ ○ ○ ○ 1940

Printed in Lithuania

J. L. Perecas

Jauniesniesiems

„EXPRESS" Spaustuvė, Vilnius, Didžioji g-vė 33.



יצחק לייבוש פּרץ

געבוירן אין זאמאשטש (לובלינער געגנט) אין יאר תרי״א (דעם 18טן מיי 1851).
געשטארבן אין ווארשע חול המועד פסח תרעה (דעם 18טן אפריל 1915).

דאָס ייִנגל און דער פויגל.

טעקסט פון י. ל. פרץ, מוזיק פון י. ענגעל.



אויף אַ בוים אין גרינעם וואלד
אַ וואונדערלעכער פויגל שאלט:
טראַ=לאַ=לאַ=לאַ=לאַ טראַ=לאַ=לאַ (3)
טראַ=לאַ=לאַ לאַ, לאַ!

איז אַ ייִנגל צוגעלאָפן
און דער פויגל איז אנטלאָפן
טראַ=לאַ=לאַ=לאַ=לאַ א. א. וו.

וואָס אנטלויפסטו? — ס'ייִנגל שרייט —
ניט געוואָלט דיר טאָן קיין לייד,
טראַ=לאַ=לאַ=לאַ=לאַ=לאַ א. א. וו.

כ'בעט דיך, פויגל, פויגל, בלייב!
און דער פויגל: איך נישט גלויב!
טראַ=לאַ=לאַ=לאַ=לאַ א. א. וו.

וויגלידער

דרײַ ווײַבער.

דרײַ ווײַבער זיצן אײַנגעביקט:
אײנע פעדערן פליקט,
די צווייטע זאָקן שטריקט,
די דריטע אַ תפילה זאָגט.
אַ... אַ... אַ...

אויף די גרינע צווײַגעלעך...

אויף די גרינע צווײַגעלעך
שלאָפן זאָלט איר, פייגעלעך!
אין וואסערל—די פישעלעך —
אויף די גרינע קישעלעך!
האלט דעם אָטעם אײַן, דו ווינטל!
אײַ-ליו-ליו! שלאָף, מײַן קינד!

פון י. ל. פּרץ'עס בוך „מײַנע זכרונות“.

פון די חדר־יאָרן.

אַ פרעמדן אַרויפליייגן אויף מיר אַ האַנט וואָלט דער טאַטע געוויס ניט געלאָזט. פון דעם ווייסט (דער רבי) ר' בערישל און די רביצין, וואָס זיצט שטענדיק ביים אויוון, טוט עפּעס, פּאַר[illegible]קקט אין די תלמידים און פאַרהערט אינם לערנען.

איבער דער רביצ־ן אויפן געזימס פון אויוון ליגט שטענדיק אויסגעצויגן די קאַץ, אַ גרויסע, אַ פוילע...

טרעפט זיך אָבער, אַז די רביצין דרימלט איין ביים שטריקן אַ זאָק און פאַרלירט די קנויל. גיט שוין די קאַץ, וואָס האָט דערויף געלאָקערט, אַ שפרונג אַראָפּ פון גזימס צו דער קנויל און הייבט זיך אָן מיט דער קנויל צו שפּילן, ווי מיט אַ מויז, און פאַריאָגט זי ביז אונטערן בעט...

מיר פּלאַצן אויס מיט געלעכטער... די רביצין כאַפּט זיך אויף. דער רבי ווערט בייז...

טאָר אַזאַ געלעכטער (איך פלעג לאַכן צום שטאַרקסטן) האָט ער מיך שוין איינמאָל געוואָלט ערנסט שלאָגן. איז אָבער פונקט אַריינגעקומען דער טאַטע... די סצענע ביים זיך מיטאַמאָל.

— אַ, ר' יודל! וואָס מאַכט איר, ר' יודל? זעצט אייך, ר' יודל...

די רביצין פרעגט, וואָס ריוועלע *) מאַכט.

— וואָס שוויצסטו אַזוי, לייבעלע?

— וואָס הייסט? — פאַרכאַפּט דער רבי, אויס מורא, איך זאָל ניט פאַרציילן — ווי הייסט? די תורה הקדושה, ברוך השם, וואַרעמט... און אַ זומער־טאָג...

באַקומט דער טאַטע אַ ליבעראַלן איינפאַל און זאָגט צום רבין:

— ווייסט איר וואָס, ר' בערישל? לאָזט יעדן טאָג אַרויס די קינדער פאַר דער טיר אויף אַ שעה!

גלייך אַ דונער וואָלט אין בערישלען אַריינגעשלאָגן...

גלאָצט ער אויס אַ פּאָר אויגן און הייבט אָן שטאַמלען:

*) פּרצעס מאַמע.

— וואָס רעדט איר? ווי הייסט? זיי זאָלן זיך שפּילן אין ליים?

(מע האָט געזאָלט אַרויפציען אַ נייעם שטאָק, האָט מען אָפּגעלייגט ליים פאַרן הויז).

— פאַרוואָס נישט? — ענטפערט דער טאַטע צוריק.

גיט זיך ר' בערישל האַלב אונטער:

— מילא, בנוגע צו אייער לייבושלען... אַז איר ווילט...

— איך אויך! איך אויך! — רופט זיך אָן מיין גלידשוועסטערקינד, יחזקאל...

— פאַר ר' מרדכין בין איך אייך ערוב! — רופט זיך אָפּ דער טאַטע.

יחזקאלס פאָטער האָט געהייסן מרדכי.

וכך הוה¹), מיר צוויי באַקומען רשות און גייען טאָג־טעגלעך אַרויס אויף אַ שעה פאַר דער טיר, צום באַרג, צום ליים, זיך געשפּילט, געגראָבן (ערגעץ אַ לאָפּאַטע באַקומען) טאָלן, גריבער געמאַכט, אַ פעסטונג געבויט.

און די אַרבעט איז אונדז שפּעטער צונוץ געקומען אַ מצוה צו טאָן.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען איינגעלייגט די ואַמאָשטשער פעסטונג. די מויערן האָט מען צעשאָסן און געדונגען אַרבעטער אַראָפּצוש[illegible] וואַלן אין די פאָסן²) אַריין. געצאָלט [illegible] פון קלאַפטער. האָבן זיך אויך עטל[illegible] ידן צו דער אַרבעט געשטעלט. אַלטע, צעבראָכענע יידן, וואָס האָבן שוין צו עפּעס אַנדערש ניט געטויגט. נאָענט צום חדר איז עס געווען. פלעגן מיר אויף דער שעה לויפן אויפן וואַל אַרויף און אַרבעטן פאַר די אַלטע לייט.

יצחק לייבוש און דער דאָקטאָר.

אַ „קאַלטע“ מומע האָב איך געהאַט, מיין חבר יחזקאל'ס מוטער — אַ הויכע מאָגערע יידינע, אַ בלאַסע, אַ קרענקלעכע. שרייט שטענדיק: „אוי, מיינע כוחות!“, טרינקט אַלץ איינ־נעם מאַנדלמילך פאַרן האַלדז און באַקט באַ־

1) אין אַזוי איז געווען.

2) גראַבנס,

שטענדיק קעז־קוכן (דאָס איינציקע פון זיסקייטן, וואָס איך האָב ליב) און עסט... און באַהאַלט אים אויף אַ הויכער שאַנק, די קינדער זאָלן זיך חלילה די מעגעלעך נישט פאַרדאַרבן.

און איך, אויס ליבשאַפט צו קעז־קוכן, איר להכעיס און גלאַט אַ קונץ צו באַווייזן — שפּרינג אונטער, כאַפּ זיך אָן אָן גזימס פון דער שאַנק, שלעפּ שטיקער און פאַרדאַרב מיר ווירקלעך דעם מאָגן.

און עס קומט דער אַלטער בייזער דאָקטאָר סקשינסקי און פאַרשרייבט מיר עפּעס ביטערס און געזאַלצנס אין אַ פלעשעלע, אַ ווייסע פליסיקייט. און איך, אַז מע ווענדט זיך נאָר אָפּ פון מיר, גיס אויס די מיקסטור, גיס אַריין אַ ביסל מילך מיט וואַסער און גנעם אַלע שעה אַן עס־לעפל—און בעט מיר יעדעס מאָל אויס אַן אַנדער מתנה און פאַרקרים מיר דערביי, גלייך איך שלינג גאָט ווייס וואָס...

קוים ווער איך געזונט — סקשינסקי וווינט צו אונדז פענסטער קעגן פענסטער — וואַרט איך אים אָפּ ביים פענסטער. און ווי ער באַווייזט זיך, שטרעק איך אים אַרויס די צונג. כאַפּט ער אַ שטעקן און לויפט צו אונדז אַרויף, מיר מקיים פּסק זיין. און אין שטוב בין איך אַליין... אָט לויפט ער שוין אויף די טרעפּ... רייס איך אויף אַ גרויסע רויטע שאַפע אין שטוב, שפּרינג אַריין און טרעף מיט איין פוס אין אַ טאָפּ אייער אַריין...

באַלשפּיל.



צו דער וואַנט!
שפּרינג צוריק!
אין אויגנבליק
צו דער האַנט!

פינף און זעקס,
שטאַרקער קלאַפּ!
איך וואַרף און כאַפּ,
וואַרף און כאַפּ!

צו דער וואַנט!
צוריק צו מיר!
איינס און צוויי,
דריי און פיר!

אַהין—צוריק!
זיבן, אַכט!
דאָס מײַסטערשטיק
איז אָפּגעמאַכט.

מַעשֶׂהלעך וועגן יִצחק לייבוש פֶּרֶץ.

גיט מיר אָפּ די קנעפּלעך!

איינמאָל האָט זיך דער 6־יאָריקער לייבוש געשפּילט אונטער אַ באַנק מיט די חבֵרים אין קנעפּלעך. מיטאַמאָל כאַפּט אים דער רֶבי בײַ דער שפּיל, נעמט צו די קנעפּלעך און שרײַט:

— אַזוי ווי דו זעסט ניט דײַנע אויערן, אַזוי וועסטו שוין מער נישט זען די קנעפּלעך!

לייבוש שפּרינגט באַלד אַרויס פון דער באַנק, לויפט צו צום שפּיגל און שרײַט צום רֶבין:

— רֶבי, רֶבי, איך זע מײַנע אויערן, גיט מיר אָפּ די קנעפּלעך!..

צוגענאָגלט די פּאַנטאָפּל.

איינער פון פֶּרֶצעס מלַמדים האָט געהייסן פּישעלע. ער איז געווען אַ נידעריק קײַלעכיק יידל.

פּישעלע האָט זיך זייער פיל אָנגעליטן פון דעם שטיפערישן לייבושלען.

איינמאָל אין אַ הייסן זומערטאָג איז פּישעלע געזעסן מיט זײַנע תַּלמידים און געקנעלט. לייבושל האָט באַמערקט, אַז בײַ פּישעלען זײַנען אַראָפּגעפאַלן די פּאַנטאָפּל. איז ער אַראָפּגעקראָכן אונטערן טיש און צוגענאָגלט די פּאַנטאָפּל צו דער פּאָדלאָגע.

פּאַרענדיקט לערנען, רוקט פּישל אַרײַן די פיס אין די פּאַנטאָפּל און ווייל נעמען גיין, ערשט — סטאָפּ! די פּאַנטאָפּל ווירן זיך פון אָרט נישט.

אַ געלעכטער, אַ טומל פון די קינדער. פּישעלע איז שרעקלעך אין כּעס געוואָרן. ער האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז ס'איז לייבושעס אַ שפּיצל און געלאַכט צוזאַמען מיט אַלעמען.

ער קומט צופוס.

אַ געוויסע צײַט האָט לייבוש געלערנט אין שעבערשין, אַ שטעטל אַ 14 מײַל ווײַט פון זײַן געבורטשטאָט זאַמאָשטש.

אויף יום־טוב פלעגט לייבוש אַראָפּקומען מיט די באַלעגאָלעס.

איינמאָל האָט לייבוש זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, האָט דער פאָטער אָנגעזאָגט די באַלעגאָלעס, זיי זאָלן הײַנטיקס מאָל לייבושן אַהיים אויף יום טוב ניט נעמען. לייבוש האָט אַלזאָ געדאַרפט אָפּקומען זײַן שטראָף דערמיט, וואָס ער וועט פאַרבלײַבן יומטובן אין שעבערשין.

די באַלעגאָלעס האָבן, פאַרשטייט זיך, אויסגעפירט דעם פאָטערס באַפעל. וואָס האָט אָבער לייבוש אַליין געטאָן? האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט פון שעבערשין קײַן זאַמאָשטש צופוס און איז אָנגעקומען אַהיים צום רעכטן יום־טוב.

לידער פאַר קלײנע קינדער

פון יצחק לײבוש פּרץ.

יאַנקעלע רײַט.

דער גענעראַל בום=פּום=בום
טוט נישט מער, נאָר רײַט אַרום.
מוז אים אויסמײַדן איטלעכער,
ווײַל דאָס פערדל איז פון לעדער
און פון פּימסנהעלץ די שפּאָרן!
און מע ציטערט פאַר זײַן צאָרן.
און אָט רײַט ער צו צום טיש.
איך געשווינד די קאָווע מיש.
— טרינק געזונטערהייט און פריש!

◆◆◆◆◆◆

יאַנקעלע פאָרט.

נעמט יאַנקעלע זײַן שטעקעלע
און—א לאָז זיך צו דער טיר!
און די מאמע: — ווײ צו מיר,
דו פאַרלאָזט מיך, יאַנקעלע?!

— יאָ, יאָ, מאַמעשי, איך פאָר!
גענוג שוין אין דער היים געזעסן,
נאָר געטרונקען און געגעסן,—
כ'בין שוין באַלד דאָס פינפטע יאָר!

עס איז שוין צײַט די וועלט צו זען!
פעלד און וואַלד, טײַך און באַרג!
געזונט זײַ, מאַמעשי, און שטאַרק!
און די מאמע: — ווײ געשען!

יאַנקעלע, ווו לאָזסטו מיך?
אָן דיר וועט מיר זײַן צו שווער!
— מאַמעשי, איך קען נישט מער,
און בײַם טאַטן לאָז איך דיך!

און אויפן שטאָק זיך אויפגעזעצט
און א ריט אַרויס פון טיר!

◆◆◆◆◆◆

צו די עסקימאָסן.

— מאַמע, מאַמע, זײַ געזונט!
איך שליטל זיך אוועק,
ווו די וועלט נאָר האָט אַן עק —
צו די עסקימאָסן!

— און וואָס וועסטו דאָרטן טאָן?
— אײַ, וואָס דאָרטן טאָן איך וועל?
איך וועל קליידן זיך אין פעל,
טראָגן וואַסער=שטיוול!

— אָבער, קינד מײַנס, דאָרט איז קאַלט!
דאָרט איז אייביק שניי און אײַז!
— שאַדט נישט, מאַמעשי, איך ווייס!
איך מאַך א שטיבל מיר פון שניי!

— עס איז פינצטער אָן א פענצטער!
— איך שיס א וואַלפיש מיט א פײַל
און נעם בײַ אים צום לעמפּל אייל,
טאָג און נאַכט דאָס לעמפּל ברענט!

— וואָס וועסטו טאָן א גאַנצן טאָג?
— אַרבעט איז גענוג פאַראַן.
איך כאַפּ א רענטיר און איך שפּאַן
אין שליטל אײַן און יאָג!

◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆

פרילינג.

שפּאָן, שפּאָן!
טראָג זיך אָפּ, דו ווינטערמאַן!
טראָג זיך אָפּ, דו אַכזר איינער,
נאָך דיר בענקען וועט נישט קיינער!

מיט דיין פראָסט —
ווי געפּייניקט אונדז דו האָסט!
האָסט די נאָז אונדז אָפּגעפרוירן
און די באַקן, און די אויערן!

צייט, צייט!
דער פרילינג קומט אין גרינעם קלייד!
הערסט, די פייגל: ציר־ציר־ציר!
דיך פאַרשיקט מען קיין סיביר!

* * *

דער פרילינג איז געקומען!
נעמט דעם פרילינג אויף,
מיט אַ ליד דעם ליבן גאַסט,
טיר און פענסטער מאַכט אים אויף!
קלינג־קלאַנג אין דער לופט,
און פון בלימעלעך דער דופט!

* * *

גראָזן שפּראָצן, ס'שפּראָצן בלומען,
פייגל פּיפּצען, טויבן ברומען,
ס'קלינגט דאָס וואַסערל דערפרייט:
פרילינג־צייט! פרילינג־צייט!
עס קלינגט און זינגט, פלוישט און ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

פרילינג קומט אויף אַל'ע וועגן,
לויפט דעם ליבן גאַסט אַקעגן!
לויפט צום וואַלד, לויפט צום פעלד,
אומעטום אַ פרייע וועלט!
עס קלינגט און זינגט, פלוישט און ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

י. ל. פרץ אין יאָר 1914

* * *

10, 20 דרייסיק, —
ס'קינדעלע איז פלייסיק!
40, 50, זעכציק, —
ס'איז צום לעבן לעכציק!
70, 80, ניינציק, —
עס איז גאָר איין־און־איינציק!
און וואָס אַצינדערט?
עס ווייסט אַליין, אַז הונדערט!

מ שֶ ה ל ע

משֶהלע וואָלט זייער געוואָלט האָבן אַ פייגעלע!
נאָר ווי אַזוי כאַפּט מען אַ פייגעלע?

עס היפּט איבער דער גאַס, און קוים גייסטו זיך אַ ריר — פייגעלע פליט אַוועק.

מאַכט זיך אַן עלטערער חבֿר פון אים אַ שפּאַס:

— נעם אָן אַ ביסעלע זאַלץ און שיט זיי אויפן עק...

פוילט זיך נישט משֶהלע, גייט אין קיך אַרײַן, ליידיקט אויס דאָס גאַנצע זאַלץ־מעסטל און לויפט אַרויס כאַפּן פייגעלעך.

ער דערהערט: ציפּ ציפּ!—אַ פייגעלע! גיט אַ וואָרף אַ פולע האַנט זאַלץ. דאָס זאַלץ האָט אָבער דאָס פייגעלע נישט דערגרייכט: דאָס פייגעלע איז פריער אַוועקגעפלויגן.

— אַפּנים — טראַכט משֶהלע — אַ פייגעלע האָט אַ שאַרף אויער און דערהערט טריט פונדערווײַטנס.

פּרוּווט ער נאָך גיין אויף די נעגל; עס העלפט נישט.

טוט משֶהלע אויס די שטיוול און שטעלט אַוועק אַן אַ זײַט פון געסל און הייבט אָן נאָכצולויפן באָרוועס און — אויף די נעגל.

אַ שָעה און אֶפשר צוויי איז ער אַזוי נאָכגעלאָפן אַלע מאָל אַן אַנדער פייגעלע—אומזיסט. ביז משֶהלע איז מיד און פאַרדראָסיק געוואָרן. אויסגעשיט דאָס רעשט ביסל זאַלץ פון קעשענע און גייט אַהיים.

ער קומט צו צום אָרט פאַרן הויז, וווּ ער האָט די שטיוועלעך געשטעלט — נישטאָ קיין שטיוועלעך.

און געווען נײַע שטיוועלעך. דאָס וועט אים דער טאַטע נישט שענקען. האָט ער מורא אַרײַנצוגיין...

שטיי הײַנט, שטיי מאָרגן, אַהיימקומען מוז מען דאָך. קומט ער צו דער שטוב צו, הערט ער, ווי די דינסט רופט צו דער מוטער:

— מאַדאַם, כ׳וויל זאַלצן דאָס פלייש, קײַן זאַלץ נישטאָ!

— געוועזן — ענטפערט די מוטער — אַ פול זאַלץ־מעסטל מיט זאַלץ...

— געוועזן, געמוזט עמיץ צוגנבענען...

— אוי! — כאַפט עס אָן משהלען בײַם האַרץ:

איך האָב געמיינט, אַז מען האָט מיך באַגנבעט, צום סוף גאָר הער איך, אַז איך בין אַ גנב!

די הינדעלעך און דער רעגנוואָרעם.

פינף הינדעלעך שפּאַצירן אַרום אין הויף, קוקן זיך אַלץ איבערעם אום, קוקן זיך די אייגעלעך אויס. עסן ווילט זיך, עסן... נישט אַזוי פאַר הונגער, נאָר גלאַט אַזוי...

גייען זיך אַלע הינדעלעך צוזאַמען, איינס פון אַנדערן נישט ווײַסט, אַזוי ווײַט נאָר, וויפיל מע דאַרף אַ פליגל אויסשפּרייטן. טאָמער מאַכט זיך וואָס!

דערגייען אַלע פינף הינדעלעך מיטאַמאָל אויף דער ערד, גאָר נישט ווײַט — אַ רעגנוואָרעם.

פליט מען צו, שנעבעלעך אָפן, פליגעלעך צעשפּרייט, פעדערלעך פליען. — הו־האַ!

און אַלע מיט איין מאָל צום רעגנוואָרעם. פינף הינדעלעך, פינף שנעבעלעך, פינף פּיפּצן מיטאַמאָל...

ווערט אַ געשלעג... קומט דער האָן צו לויפן מיטן רויטן קאַם, כאַפּט אַוועק דעם וואָרעם...

שפּאַצירן אָפּ די פינף הינדעלעך אין דער שטיל.

אילוסטראַציע צו י. ל. פּרצעס „שרה בת טובים"

קאַץ און מויז.

די קאַץ איז אין שטוב אַליין,
ליגט אויפן קוימען, לעקט זיך און וואַשט
א ווײַסע קאַץ. קוים עפּעס גענאַשט.
לעקט זי זיך אָפּ און וואַשט זיך ריין...
אָפּגעלעקט און אויסגעצויגן,
מיט נַחַת פינקלען אירע אויגן;
מע וועט דערקענען?—וועט זי שווערן!
(וועט מען דאַרפן-פעלט קיין טרערן!)
„איך — געקעכץ??!
כ'זאָל אזוי ניט וויסן פון קיין שלעכטס!
דאָס איז פאַר מײַן שוואַך מעגעלע סַם!
ס'הינטל, מן הַסתָּם!"

טפו, טפו! — וועט טאָן אַ שפּײַ,
און מיטן קעפּל: „אײַ, אײַ, אײַ,
וואָס אַ בייז הינטל קען!
נישט צו באַשרײַבן מיט קיין פען!"
אזוי דאָס אַטלעס-ווײַסע קעצל טראַכט.

פלוצלונג—אין אויג אַ פינקל!
פון ערגעץ--אהאַ, פון רעכטן ווינקל!—
האָט אַ מײַזל שטיל אַ פּיפּץ געמאַכט!
אַלזאָ, איז עס דאָרט??!
און אויפסנײַ זיך באַלעקט
און אראָפּ פון הויכן אָרט,
צום ווינקל-צו זיך אויסגעשטרעקט,
אַביסל אויף דער זײַט, אַביסל קאַפּויער,
און אויסגעשפּיצט דאָס אויער!
„פּיפּץ"—דאָס אויער האָט נישט גענאַרט,
ליגט די קאַץ שטיל, פאַרשטאַרט,
און וואַרט:
דאָ וועט עס זײַן צווישן די שפּאַלטן!

ליגט, דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן,
אַ מינוט, צוויי, אֶפשר נאָך, —
קיין צייכן מער פון מײַזן-לאָך...
„דערפילט!"

מאַכט זי צערטלעך, האַרציק־שטיל:
„מײַזעלע שפּאַצירן וויל?”
און עס שפּילט
איר אַ האַרפּע אין דער קעל!
„מײַזעלע וויל צוקער־מעל? —
אויף דער דיל איז אויסגעשיט!”
ס׳מײַזל־לעבל ענטפֿערט ניט!
גייט ווי פֿון אַ טויבן־האַרץ אַ ברום:
„מײַזעלע, שפּאַצירן קום!
אַ זון — מחיה!”
— וועסט נישט פֿועלן, ווילדע חיה! —
פּיפּצט מען איר פֿון מײַזן־לאָך:
„ערשט געגאַשט, ווילסטו נאָך?
און מע לאַכט: „קראַץ־ווערגעלע
וויל כאַפּן אָן בײַם גערגעלע? —
אַ פֿײַג, אַ פֿײַג!
אַלטע חונפֿטע, פֿאַרשווײַג!”
און די קאַץ: „חס ושלום!
נישט קיין פּיתרון, נישט קיין חלום!
כ׳עס קיין פֿלייש, גאָט ווייסט, ווי לאַנג!
ווייסט איר דען נישט, איך בין קראַנק!
איר ווייסט נישט? ניין?
קומט און זעט: הויט און ביין!
און אין האַרצן שטעכט אַזוי!
אוי־אוי־אוי! אוי־אוי־אוי!
איך אַליין שוין שטאַרבן וויל!”
אין מײַזל־לעבל ווערט שוין שטיל...
הערט די קאַץ נישט אויף צו קלאָגן:
„זאָל עמיץ מיט מיר ווידוי זאָגן!
כ׳הויך דאָך די נשמה אויס!”...
פֿון לעבל קיינער קומט אַרויס...

אַ מיצווה וואָלט געוויס געווען...
דאָך קיינער וואַגט אַרויסצוגיין...
אַ רחמנות, דאָך אַ קאַץ!
אַ געפֿאַר אויך, ווען זי עקט!
גוסעט, — און זי גיט אַ קראַץ,
שוין אַ מײַזל — אויסגעשטרעקט!
די קאָמעדיע ווערט געשטײַגערט:
— „קומט, דערלעבט כאָטש אַ נקמה!
ס׳איז אײַער קאַץ געפּגרט!
נישט איך רייד, נאָר מײַן נשמה!
ברענגט מיך כאָטש צו דער אדמה!
כ׳האָב געזינדיקט, איך ווייס אַליין,
נאָר וואַרפֿט מיך נישט אין מיסט אַרײַן!”
דאָס מײַזן־האַרץ, עס האַלט נישט אויס.
אַלע — אַרויס!
אַ לוויה מאַכן, אַ קבֿר גראָבן!
אַ מײַזל וויל אַ מיצווה האָבן!
און מע זעט דאָך: אויסגעשטרעקט!
ווירקלעך, ס׳האָט די קאַץ געעקט!
פּאָרט אַ נפֿש, פּאָרט אַ שאָד!
מע מאַכט אַרום דער קאַץ אַ ראָד,
מע מאַכט דאָס רעדל ענג און ענגער,
און מיט אַ זיפֿץ און מיט אַ טרער...
אונדזער קעצל וואַרט נישט לענגער,
אַ שפּרונג אַהין, אַ שפּרונג אַהער...
וואָס האָט איר, קינדערלעך, צו זאָרגן, —
אוודאי מײַזלעך צען דערוואָרגן!
און איר, קינדערלעך, פֿאַרשרײַבט
אין די העפֿטן אײַך דעם זאַץ:
קיין פֿרומער קאַץ
נישט געגלייבט!

אֵלִיָהו הַנָבִיא.

פון י. ל. פרץ.

אֵלִיָהו הַנָבִיא איז אַ גוטער, אײַ, אַ גוטער!
איינמאָל קומט ער אין אַ שטוב אַריין, בעט מען זיצן:
— זיצט, ר׳ אֵלִיָהו הַנָבִיא, זיצט אַ ווײַלע.
גלעט ער זיך דאָס ווײַסע בערדל:
— טאַקע נאָר אויף אַ ווײַלע, כ׳האָב גאָרנישט קיין צײַט... נאָר אָפּצועטעמען.
— וואָס טראָגט איר עס אויף די פּלייצעס, ר׳ אֵלִיָה־נָביא?
— איר זעט דען נישט? אַ זעקעלע.
— וואָס טראָגט איר אינעם זעקעלע? שווערע זאַכן? אײַזן, קופּער?
— ניין, ניין! לײַכטע זאַכן, גוטע זאַכן: ראָזינקעלעך, מאַנדעלעך און פײַגעלעך זיסע!
— איר האַנדלט דערמיט, ר׳ אֵלִיָהו?
חַס ושָׁלום, איך האַנדל נישט. דאָס טראָג איך מַתָנות פאַר גוטע קינדערלעך, וואָס וואָרוען נישט צו פיל, עסן צו דער צײַט, גייען שלאָפן צו דער צײַט און לאָזן זיך אָפּוואַשן פאַרן שלאָף... גיי איך פון שטוב צו שטוב, דעם—אַ ביסעלע, יענעם אַ ביסעלע!
און אינעם גאַרטל וואָס האָט איר אַרײַנגעשטעקט?
שמייכלט ער מיט די טויבענע אייגעלעך:
— אַ ריטעלע! איר זעט דען נישט? אַ ריטעלע צום שמײַסן...
— וועמען צו שמײַסן, ר׳ אליהו?
קינדערלעך, וואָס האָרכן נישט, וואָס עסן נישט צו דער צײַט, וואָס גייען נישט שלאָפן צו דער צײַט, וואָס

ווילן נישט רויק ליגן אין בעטעלע, וואָס ווייגען...
און דער עיקר—וואָס האָבן אַ נאַרישע מורא פאַר קאַלט
וואַסער און לאָזן זיך נישט אָפּוואַשן פאַרן שלאָפן גיין.

— שמײַסט איר זיי?

גלעט ער זיך דאָס ווײַסע בערדעלע מיטן קלײנעם
העגטעלע.

— אי, שמייכלט ער אויפן גאַנצן פּנימל — אַזוי גע-
שווינד? מע זאָגט איין מאָל, צוויי מאָל, דרײַ מאָל...

— און אַז מע-פאָלגט נישט?

זאָגט מען דאָס פערטע, דאָס פינפטע מאָל. ביז
אַ ייִנגעלע אָדער אַ מיידעלע שלאָפט אײַן... אַמאָל —
זיפצט אָפּ ר׳ אליהו — מוז מען געבן אַ שמיצעלע אויך.
נישט ווי צו טאָן, נאָר גלאַט אַזוי, צום פאַרשעמען...

— אָבער געוויינלעך—שמייכלט ער ווידער—שלאָפט
מען אײַן... הײַנטיקע קינדערלעך—פײַנע קינדערלעך.

ברידער.

ווײַסע, ברוינע, שוואַרצע, געלבע —
מישט די פאַרבן אויס צוזאַמען!
אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען!

אַלע מענטשן זײַנען ברידער —
שוואַרצע, ווײַסע, ברוינע, געלבע...
אַנדערש זײַנען נאָר די פאַרבן,
די נאַטור איז דאָך די זעלבע.

אינהאַלט:

יצחק לייבוש פרץ	3
דאָס יינגל און דער פויגל (ליד מיט נאָטן) מוזיק-י. ענגעל	4
וויגלידלעך: דריי ווייבער; אויף די גרינע צווייגעלעך...	
פון די חדר-יאָרן; יצחק לייבוש און דער דאָקטאָר.	5
באַלשפּיל (ליד מיט נאָטן) מוזיק-פּראָפ׳ י. קוטשינסקי	6
מעשהלעך וועגן יצחק לייבוש פּרצן	7
לידער: יאַנקעלע רייט; יאַנקעלע פּאָרט; צו די עסקימאָסן.	8
צען, צוואַנציק דרייסיק; פרילינג	9
משהלע	10
די הינדעלעך און דער רעגנוואָרעם	11
קאַץ און מויז	12
אליהו הנביא	14
ברידער	15